


# ספר
# חֵלב יצה"ד

חלק י




האדמו"ר מהאלמין

## אור הזוהר 454 ★ כסליו תשע"ד

**מפעל הזוהר העולמי**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש







**איז** טייטש אַזוי, איז דאָ 30 אָדער 40 בוטשערס, ממילא אז מ'זאָגט אז אין ענין פון ניקור איז דאָ א מכשול איז דאָס נישט טייטש אז אין א געוויסער געשעפט איז דאָ א חשש, איז טייטש אז צו ווישען אברייטען ציבור קען זיך טרעפען **עפּעס א זאַך**, אַזוי ווי מיר האָבען פריער געזאָגט אז קיין שלימות איז נישט דאָ[קנח]. עס איז דאָ א זאַך וואָס קען זיין א חשש[קנט]. עס איז בשום אופן נישט טייטש אז מ'טאָר נישט עסען קיין פלייש, נאר עס איז דאָ א געוויסער חשש און מ'דארף דאָס צו פארבעסערן[קס] ר' אברהם ברענגט א משל פון א פּאר יאָר צוריק בענין הבעקעריס[קסא]. עס איז דאָ הלכות וועז מ'קען זאָגען אויף אזאך אז עס איז אסור, סתם אז מ'טראכט אז אפשר קען זיין עפּעס (???) א חשש מכשול איז נאָך נישט בשום אופן נישט טייטש אז מ'דארף דאָס צו אסר'ן[קסב]. א רבים'דיגע זאַך קען נישט זיין אַזוי אפגעהיטען ווי אין שטוב[קסג]. דער גרעסטער רשעות פון דעם פרשה איז אז עס קומען די אַלע מעררים און מ'נוצט אויס די צעטעלעך[קסד] וואָס מ'האָט געשיקט צו אַלע בוטשערס אז עס איז דאָ א "הזנחה רבה וחסרון ידיעהביים ניקור" און דיבורים[קסה] וואָס מ'האָט גערעדט ביי דער התאחדות, צוליב מתקן זיין, ווי אַזוי עס זענען אַרויס געקומען די צעטעלעך ווייס איך נישט[קסו]. ניצט מען דאָס אויס אויף דעם צו שרייען אז דער התאחדות אַליין איז מודה אז עס איז אסור[קסז]. עס איז שקר גמור און א רשעות שאין כמוהו[קסח] מ'זאָגט אויף מיר אז איך בין א מודה במקצת, אוודאי מ'האָט געזאָגט אז עס איז דאָ חששות, מ'קען זאָגען נאָך 20 זאכען וואָס עס זענען דאָ חששות[קסט]. אס איז דאָ געוויסער מנקרים וואָס טוהן נישט זייער פליכט, אוודאי טרעפט זיך, עס וועט זיך טרעפען עד ביאת המשיח וועט זיך

---

**קנח)** אַזוי האָבען רבנים גערעדט אָדער געטראַכט אמאהל??? אַז וועגן אַ שוחט אָדער אַ מנקר איז קיין שלימות נישט דאָ, עס איז סיי ווי נישט אין גאַנצען גוט. אַ מנקר וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ כשעורה חֵלב האָט מען אים מעביר געווען.

**קנט)** ר' אברהם זאָגט פריער, אַז דער זעלבער וואָס איך זאָג יעצט האָב איך געזאָגט ביי דעם אסיפה - און ר' אברהם זאל אונז מוהל זיין, דאָס איז נישט אמת, אַזוי ווי איר האָט געזעהן זיינע ווערטער פריער, ביי דער אסיפה זאָגט ער נישט אַז עס קען זיין אַ חשש און אַז עס קען זיך טרעפען עפּעס אַ זאַך נאָר ער זאָגט, אַז עס האָט זיך געטראָפען זאַכען.

**קס)** און דערווייל זאָלען יודען עסען חֵלב???

**קסא)** עס איז נישט גלייך דער משל, ווייל ביי די בעקערייען איז נאָר געווען אַ חשש און היינט ביי די חֵלב ווייסען אַלע אַז עס איז דאָ ממש חֵלב די רבנים האָבען דאָס אַלעס מודה געווען ביי די אסיפה און איר קענט הערען דערפון גאַנצע ווערטער אין דער נישט צענזארירטע טעיפּ.

**קסב)** אַ חשש מכשול??? ר"ל. מ'ווייסט אַז ס'איז דאָ חֵלב ממש, פאַרוואָס פאַרדרייט ר' אברהם דעם ענין.

**קסג)** ממילא זאָל מען עסען חֵלב??? מען זאָל אויסרופען אַז מ'זאָל נישט עסען די פלייש ביז די רבנים וועלען זיך אויסלערנען ניקור און אַלעס מתקן זיין בשלימות.

**קסד)** דער קול קורא פון תמוז.

**קסה)** דעם טעיפּ.

**קסו)** פאַרוואָס זאָל מען נישט וויסען דעם אמת.

**קסז)** עס איז ליידער אמת, אַז זיי האָבען געזאָגט, אַז עס איז דאָ חֵלב.

**קסח)** איבער צו זאָגען וואָס רבנים זאָגען?

**קסט)** מ'האָט נישט געזאָגט אַז ס'איז דאָ חששות, מ'האָט געזאָגט אַז עס איז דאָ חֵלב!!!





אוודאי טרעמען, אוודאי וועט זיך טרעפען צו ווישען אציבור עמעצען וואָס טיעט נישט זיין אַרבעט באמונה[קע]. און אויף דעס איז דאָ רבנים דאָס צו פאררעכטען[קעא]. נאָך דעם איז געווען א פרשה פון עצם דיני ניקור, וואָס מ'דארף מנקר זיין, עס זענען דאָ וואָס אסר'ן שייטעלאך און עס זענען דאָ וואָס זענען מתיר שייטעלאך, וועט מען דען זאָגען אז עמעצען וואָס גייט מיט א שייטעל איז א פושע ישראל? האָט מען דן געווען צו מ'זאל מחמיר זיין די חומרות[קעב]. נאָך דעם איז געווען עס האָט זיך פארשפרייט פּאַשקעווילען אז דער גאַנצע סדר הניקור אין אמעריקא טויג נישט, די אַלע מנקרים האָבען פארגעסען ווי אַזוי מנקר צו זיין[קעג]. דער וויזשניצער רבי האָט געזען דעם בריעף פון בית דין פון ירושלים וואָס זיי שרייבען וועגן מלאכי, און מלאכי זאָגט אז אין אמעריקא עסט מען חֵלב, וועגן דעם האָט ער אויסגערופען אז מ'זאל נישט עסען דער פלייש[קעד]. אין מיטען זומער, דעמאלטס האָבען כמעט קיין איינער פון די רבנים נישט געקענט קיין ניקור, מ'האָט געטוהן אין דעם, האָב איך געזעהן אז די מנקרים פון ירושלים זענען נישט גערעכט, עס איז א געוויסער מנהג אן קיין שום מקור און הלכה[קעה]. [ר' אברהם לייענט פאר א בריעף פון דער בית דין פון ירושלים וז"ל: לא יצא מאתנו שום פסק כנגד הניקור הנהוג בארה"ב ונאמנים עלינו גדולי הרבנים דהתאחדות הרבנים וכו' עכ"ל[קעו]. ר' אברהם איז מסביר כמה וכמה מאָל דער עירוב פרשיות] אָבער מ'דארף צו וויסען אז דאָס וואָס מ'דארף צו טוהן, צו מ'טיעט דאָס בשלימות, דער מנקר וואָס אַרבעט א פּאר שעה אין טאג, טאג איין און טאג אויס אפשר[קעז] לאזט ער אַמאָל עפּעס איבער וואָס ער דארף מסיר זיין צו כדומהה[קעח]. יעדער האָט א חזקת כשרות, עס איז דאָ מעשים בכל יום, שוחטים זענען אוודאי עהרליכע יודען, און עס איז א מנהג בכל תפוצות ישראל אז מ'גייט מזמן לזמן און מ'באקוקט דער חלפים[קעט]. ביי אונז איז א טבע, יעדער יונגערמאן וואָס האָט אַריין געקוקט אין סידור האָט ליב דיעות צו זאָגען פאר די רבנים[קפ], למעשה עס איז דאָ א תורה הק' און עס איז דאָ תשובה ספרים וועגן דעם ענין אז טאמער מ'האָט זיך נוהג געווען לקולא, און מ'האָט געוואָלט מחמיר זיין, צו עס איז הוצאת לעז[קפא].

**נאָך** דעם האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ דריטער פרשה,

און אויב עס וואָלט געווען אַ מציאות בעולם וואָלט איך נישט גערעדט דערפון, נאָר איך מוז עס דערמאַנען, מ'האָט גערופען פון קאַשוי אַז מ'האָט געקויפט פלייש וואָס עס איז געווען דערויף חֵלב לכל הדיעות, האָב איך זיי געזאָגט ברענגט'ס מיך דעם שטיקעל פלייש מיט עדות עפ"י התורה, אין וועלכע געשעפט מ'האָט דאָס געקויפט, וועט מען זעהן אוודאי מתקן צו זיין[קפב]. איך האָב געבעטען כמה מאָל, איך קען דאָך גאָרנישט טוהן, דו זאגסט אז דו האסט פלייש, קודם כל איך האָב נישט געזעהן דעם פלייש[קפג]. אפשר ביסטו דיך טועה?[קפד] און אפילו יאָ, עס איז דאָך דאָ אום גע'ניקור'טע פלייש אויף דעם וועלט[קפה]. איך האָב געשפּירט אז עס גייט אויסברעכען א פייער[קפו]. איך מוז דאָס זאָגען

**קע)** עס האַנדעלט זיך נישט דאָ וועגן עמיצען וואָס טוהט נישט זיין אַרבעט באמונה, נאָר כמעט אַלע בוטשער'ס קענען נישט קיין ניקור און די רבנים קענען דערווייל אויך נישט קיין ניקור, און זיי זענען דאָס מודה.

**קעא)** און דערווייל זאָל דער עולם עסען חֵלב??? דערווייל זאָל מען אויסרופען נישט צו עסען ביז מ'וועט עס פאררעכטען בשלימות.

**קעב)** קאשויער רב שרייבט קלאָר אין זיין בריעף, אַז ער רעדט נישט וועגן די מנהגים, נאר וועגן דעם אַז עס ווערט פאַרקויפט פלייש מיט חֵלב - פאַרוואָס פאַרדרייען די רבנים דעם שמועס אויף מנהגים?

**קעג)** ר' אברהם אַליין זאָגט ביי די אסיפה, אַז די לעצטע 30 יאָר איז נישט געווען קיין השגחה, און אַ בעל מלאכה איז דאָך אַ מענטש וכו' וכו'.

**קעד)** עס איז דאָ אַ בריעף פון דעברעצינער רב און ער שרייבט אַז ער האָט אַליין געהערט פון דעם וויזשניצער רבי, אַז ער האָט געזען חֵלב פון עטליכע געשעפטען.

**קעה)** ר' אברהם איז אַליין נאָכאַמאָל מודה, אַז די רבנים האָבען נישט געקענט קיין ניקור, פאַרשטייט זיך אַז דער מצב איז נישט גוט.

**קעו)** נישט די רבנים קענען ניקור, און נישט די בוטשער'ס.

**קעז)** מיט אַ שיינעם ניגון זאָגט ער אַרויס דעם "אפשר".

**קעח)** ביים אסיפה שטעלט ר' אברהם פאָר דעם מצב אַסאַך אַנדערש ווי דאָ, און אין אָנהייב טעיף דאָ, זאָגט ר' אברהם, אַז ער זאָגט דאָ דאָס זעלבע ווי ביים אסיפה.

**קעט)** שומו שמים!!! ר' אברהם גלייכט עס צו, צו דאָס וואָס מ'גייט באַקוקען די שוחטים די חלפים. דאָ איז דאָך דאָ ממש חֵלב! און דאָ באַקוקען נישט די רבנים די חלבים.

**קפ)** דאָס האָט מען געזאָגט אויף ר' אברהם אַליין עטליכע יאָר צוריק.

**קפא)** מיר רעדן נישט וועגן הוצאת לעז!

**קפב)** אויב קאַשויער רב האָט געזאָגט אַז עס איז דאָ חֵלב ממש, וואָלט ר' אברהם געמעגט לכה"פ חושש זיין און נישט דן צו זיין דעם פּראָבלעם אַזוי ווי אַ חושן משפט דין תורה, און עדים זענען דאָך געווען ביי דעם קאַשויער רב, ממילא האָט ער געמעגט זאָגען פאָר זיינע תלמידים אַז זיי זאָלען נישט עסען די פלייש. די עדים מוזען קומען צו ר' אברהם?

**קפג)** קאַשויער רב האָט אָבער יאָ געזעהן די פלייש, מעג ער דאָך בעטען זיינע תלמידים אז זיי זאלען נישט עסען דער פלייש, נאר ר' אברהם מעג זעהן דער פלייש? און נאר ר' אברהם מעג מחמיר זיין פאר זיין משפּחה נישט צו עסען די פלייש? קאַשויער רב וויל מחמיר זיין פאַר זיינע תלמידים.

**קפד)** ר' אברהם קען זיך אויך טועה זיין.

**קפה)** מען איז חושד קאַשויער רב, אַז ער איז אַ ליגנער.

**קפו)** קאַשויער רב האָט פּראָבירט צו ארבעטען מיט ר' אברהם שטילערהייט אָבער עס איז נישט געגאַנגען.





לײדער לײדער לויט ווי איך פארשטײ אז קאַשויער רב האָט געטוהן אַ געוואַלדיגער פעלער, עס טרעפט זיך א מענטש מאַכט אַמאָל אַ פעלער וכו', הגם למעשה האָט ער קײן איסור נישט געשריבען, עס שטײט אין בריעף "אני מבקש מתלמידי שלא לאכול"[קפז]. ווי אַ חשובער יוד ער זאל נישט זײן, וואָס ער זאָגט איז בשום אופן קײנעם נישט מחייב, מ'קען אויף דעם קײנער נישט זאָגען אז מ'טאָר נישט עסען קײן פלײש[קפח]. נאָך יום הקדוש איז געווען אַן אסיפה פון רבנים בײם רב אין שטוב, מ'האָט דן געווען אויף דעם ענין אז מ'דארף זיך נישט וויסענדיג מאכען פון די אַלע זאכען[קפט]. אונז האָבען מיר אונזער אַלטער פּראָבלעם וואָס מ'האָט געוואוסט פון חודש אײר אן, סיון תמוז האָט מען געטוהן דערין, אַז עס איז דאָ געוויסע זאכען וואָס מ'דארף צו פארבעסערען, נאָך אַמאָל קלאָר נישט קײן ה"מ פון קײן איסור און מ'וועט ווײטער טוהן אין דעם ענין[קצ]. איך האָב דאך קלאָר געזאָגט בײ דעם אסיפה, דער טעיפּ דרײט זיך ארום אויף אַלע גאַסען, און נישט דער צענזארירטע טעיפּ וואָס מ'האָט אַרויס גענומען האַלבע ווערטער[קצא]. פאר דער אסיפה האָב איך געקלערט ס'וועט זײן דער קשיא, עס איז דאָ אַ בריעף פון דער ירושלים'ער רב אז מלאכי אתמחי גברא ואתמרי קמיע, יעצט וועט מיר פרעגען עמעצען א קשיא, ווי אַזוי קען איך זאָגען בפה מלא אז דאָס איז הבלי הבלים, האָב איך אפּגערופען ר' ישראל משה דושינסקי ער זאל פרעגען דער ירושלים'ער רב וואָס ער מײנט מיט דעם, האָט ער מיר געזאָגט אז דער ירושלים'ער רב האָט געזאָגט ער איז נישט קלאָר אין ניקור, און עס איז געקומען א יוד מיט א ווײסער בארד און ער האָט אויסגעזעהן ווי א תלמוד חכם, האָב איך אַזוי געשריבען, אָבער דאָס מײנט נישט גאָרנישט, וואָס זאל מען טוהן, עס געשעהט שגגות[קצב]. קאַשויער רב האָט געזאָגט אז ער האָט געטראפען ממש חֵלב און אײנער פון זײנע מנקרים איז ראבינאוויטש און ער האָט געמאַכט א ספר אויף ניקור און ער רעדט דאָרט צוזאם שטותים און חבלי הבלים, און דער צעטיל וואָס ער האָט געמאַכט אז זײ האָבען געטראפען דאָרט חֵלב אויף דער פלײש[קצג] א חלק פון זײ איז נאר לויט די מנהגי א"י און די אנדערע פלעצער אויב מ'האָט טאַקע געטראָפען **איז דאָס טאַקע א מכשול**[קצד]. עס איז געווען א גרויסער בלבול מ'האָט צוזאַמען געמישט אַלע דרײ פרשיות, זענען געקומען די אַלע און געזאָגט אז סאַטמאַר עסט שוין 30 יאָר חֵלב[קצה]. איך האָב געזאָגט בײ דער אסיפה אז עס איז נישט דאָ קײן איסור און מ'דאַרף זעהן דער השגחה צו פארבעסערען[קצו] אפילו ווײסט מען אז דער סדר איז אויסגעהאַלטען אפשר איז כדי מוסף צו זײן חומרות[קצז] דער עולם איז געווארען היסטעריש, ווײל מ'רעדט אויף סאַטמאַר אז מ'האָט געגעסען חֵלב די אַלע יאָרען[קצח] און לכאורה קום איך אַרײן אין דער מיט, און פאַרוואָס איז געווען ביז יעצט אַן עת לחשות? מ'איז געקומען מיט אַן עצה, איך ווײס נישט ווענמס עצה דאָס איז געווען (???) מ'זאָל אַרויס געבען אַ קול קורא אַז דער גאַנצע פלײש באטליזים החרידים איז מותר לאכול לכתחלה, מ'האָט געוואָלט איך זאל אונטערשרײבען אַזאַ כרוז, איך האָב געזאָגט אַזאַ

**קפז)** אויב אַזוי וואָס איז דער גאַנצער רעש, קאַשויער רב איז נאַר חושש און ער האָט נישט גע'אסר'ט! און וועגן דעם קומט אים די אַלע רדיפות?

**קפח)** ר' אברהם האָט דאָך יעצט אַלײן געזאָגט אַז קאַשויער רב האָט נישט גע'אסר'ט דעם פלײש.

**קפט)** וועגן דעם איז קאַשויער רב אַרויס געגאַנגען מיט זײן בריעף, ווײל די רבנים האָבען זיך נישט וויסענדיג געמאַכט.

**קצ)** ר' אברהם האָט אָנגעהויבען זײן דרשה מיט אַן הקדמה אַז מ'רעדט אַנדערש פאַר רבנים ווי פאַר דעם ברײטען ציבור. יעצט זעהט מען אַז מ'רעדט אויך אַנדערש פאַר בוטשערס ווי פאַר דעם ברײטען ציבור, ווײל אין דעם בריעף פאַר די אַלע בוטשערס אין חודש תמוז, שטײט, אַז עס איז דאָ "אַ הזנחה רבה אין א חסרון ידיעה בײם ניקור", ממילא, צו פאַרשטײן ר' אברהם'ס הסבר דאַרף מען צו זײן אָדער אַ מורה הוראה אָדער אַ בוטשער!

**קצא)** מ'קען אַלעס הערען אין דער גרויסער טעיפּ אויך.

**קצב)** ר' אברהם איז מסביר פרנקטליך דעם הײנטיגען מצב מיט די רבנים, עס קומט א יוד ווען מען קען נישט און נאָר ווײל ער האָט א ווײסער בארד שרײבט מען אויף עס אתמחי גברא ואתמחי ... פון אַזאַ פירעכטס קומען אַרויס גרויסער מכשולות, און נאָך דעם זאָגט ר' אברהם.4 "וואָס זאָל מען טוהן, עס געשעהט שגגות" אַזוי דאַרף צו רעדען א רב?

**קצג)** וואָס מ'האָט געקויפט אין די וויליאמסבורג'ער געשעפטען.

**קצד)** אויב אַזוי וואָס וויל ר' אברהם פון קאַשויער רב. ר' אברהם איז מודה אַז עס איז טאַקע אַ מכשול און קאַשויער רב האָט עדים אויף דעם, מעג ער דאָך לכה"פ חושש זײן און שרײבען פאַר זײנע תלמידים און בעטען זײ אַז זײ זאָלען נישט עסען די פלײש, ממילא וואָס איז דער סיגעטער רב און ר' אברהם מרעש עולמות?

**קצה)** ר' אברהם זאָגט אַלײן בײ די אסיפה, און מ'קען דאָס הערען אפילו אין דער נישט צענזארירטע טעיפּ, וז"ל: דאָס ענין פון ניקור, אז דער לעצטער 30 יאָר. לאָמיר אַלײן מודה זײן אז ביז עס איז געווען א ביסעל התעוררות וכו' עכ"ל פשט זאָל יעדער אײנער אַלײן זאָגען.

**קצו)** מ'האָט געזאָגט בײ די אסיפה אַן אַנדערע טעם פאַרוואָס מ'דאַרף צו פאַרבעסערען.

**קצז)** אין דער זעלבער צײט ווי די רבנים ווײסען קלאָר, אַז עס קומט אַרײן חֵלב און זײ האָבען אַלע מודה געווען, און טעיפּ קענט איר הערען.

**קצח)** דאָס איז דער פּראָבלעם, ווײל מ'רעדט אויף סאַטמאַר! איי מ'עסט חֵלב? נו נו.



כרוז אונטערצושרייבען קען נאָר זיין אָ חסר דעה[קצט] ווי אַזוי קען איך זאָגען אז כל אטליזים החרדים, קודם איך ווייס נישט פון וועמען איך רעד, בעט מען מיר פון איין בוטשער קען איך מיר אפשר אומקוקען אָבער אונטערצושרייבען אוז כל האטליזים החרדים מותר לאכול לכתחלה, איך ווייס נישט ווי אַזוי מ'קען פון אַ מורה הוראה אפילו חלומ'ן אַז מ'זאל אַזוינס אונטערשרייבען[ר]. אין דער היים איז געווען אַ רב מ'האָט זיך פאַרלאָזט אויף אים באיסורי כרת, האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף אים אויף כל עניני השגחה, אָבער אין אַמעריקא איז נישט דאָ קיין גדר נישט ווער עס רופט זיך אַ רב, פארשטייט זיך אַז עס איז דאָ אַזעלכע וואָס איז נישט אויסגעהאלטען[רא]. עפ"י הלכה איז דאָס קיינעם נישט מחייב ביזנס' איז דאָ עדות כדין תורה, איי וואָס מ'האָט אַרויס געכאַפּט טייפס פון דער התאחדות הרבנים אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט, אז דו האפסט אַרויס האלבער ווערטער[רב] וואָס מ'האָט גערעדט ביי איין אסיפה פון רבנים, מ'האָט נישט געוואוסט אז עס איז אַזאַ שקאצעס'דיגער וועלט וואָס מ'כאַפּט אַרויס ווערטער[רג]. מ'האָט געמיינט אז מ'האָט צו טוהן מיט איין אנשטענדיגער וועלט[רד]. פליצלינג איז געוואָרען היסטעריש אַז מ'מוז אונטערשרייבען אַז אַלעס איז מותר, דאָס איז אַ זאַך וואָס איך קען בשום אופן נישט טוהן, ווי אַזוי קען איך שרייבען אַז כל החניות החרדים וואָס זענען אין ברוקלין איז מותר לאכול לכתחלה, איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי אַ מענטש מיט אַ מוח בקדקדו קען דאָס פון מיר פאַרלאַנגען[רה]. איך האָב קיין מאָל אויף קיין שום בוטשער נישט געזאָגט אַז עס איז אסור צו עסען[רו]. דער רבי ז"ל האָט געשריבען א בריעף אויף ירושלים אין תשכ"ב ווען דער אגודה האָט געמאַכט א בית דין, דער רבי ז"ל האָט נישט געשריבען אז אסור לאכול פון זייערע הכשרים דער רבי האָט געבעטען אז מ'זאל נאר נוצען הכשרים פון דער עדה החרדית[רז].

---

**קצט)** און מ'האָט געוואָלט אַז די רבנים זאָלען דאָס אונטערשרייבען!

**ר)** אַזוי פירט מען די רבנים!

**רא)** פריער האָט מען שוין געברענגט וואָס ר' אברהם האָט געזאָגט ביי דעם אסיפה.

**רב)** עס איז געווען דאָרט גאַנצע ווערטער.

**רג)** אַז איינער פון די רבנים האָט אַראָפּ געכאַפּט א סייף איז שוין אַ שקאָצעס'דיגער וועלט?

**רד)** מיר האָבען אויך אַזוי געמיינט.

**רה)** זיי טוהן דען אַלעס עפ"י תורה? און מיר דאַנקען זייער ר' אברהם שליט"א, אַז נאָך זיינע וואַרעמע ווערטער וועלען די אַנדערע רבנים אי"ה אויך נישט אונטערשרייבען אַזאַ קול קורא.

**רו)** ר' אברהם האָט נאָר געזאָגט אַז די מנקרים קענען נישט קיין ניקור.

**רז)** קודם כל עס איז נישט קיין צוגלייך, ווייל דאָ האָט מען געטראָפען ממש חֵלב!!! און צווייטענס וואָס מער האָט קאַשויער רב געטוהן? ער האָט נאָר געבעטען זיינע תלמידים אז זיי זאָלען נישט עסען דער פלייש.




